# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה׳
נומער 205
· פרשת בא · תשפ״ד



# שישו ושמחו

## בשמחת ראש ישיבה שליט״א

געפירט אינטער די חופה ברוך ה׳ די פערטע קינד
אין בית המדרש אויף א פשוטע פארנעם

**פאר די ברסלב׳ע שטוב:**
קוק מיין הארץ

**געדאנקען:**
וועלכע בענענע איז
די עכטע

**בית פינא ווערק:**
קיינער וויל נישט רעדן
צו מיר

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169





היכל הקודש נייעס
הכנסת ספר תורה
4



געדאנקען
וועלכע בענענע איז די עכטע בענענע?
8



א מעשה פון א צדיק
ענדיגן ש"ס
14




פרויען ארטיקל
קוק מיין הארץ
18



די ברסלב'ער שטוב
די ריכטיגע דעה
19



בילדער אפטיילונג
בילדער פון די חתונה ביים ראש ישיבה און נאך
32


## זמנים Liberty
בא י' שבט תשפ"ד

הדלקת הנרות .......... 04:39
מוצאי שבת ........... 06:11

מנחה מעריב בשלה.... 05:45

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו**
**וזוגתו עלקא תחי'**

**צו די חתונה פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אריינגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה שמעון רוטה הי"ו**
**וזוגתו לאה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל

## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 19 | 22°/7° | Few Snow Showers |
| Sat 20 | 14°/8° | Mostly Cloudy |
| Sun 21 | 19°/11° | Partly Cloudy |
| Mon 22 | 33°/22° | Partly Cloudy |
| Tue 23 | 39°/30° | Mostly Cloudy |
| Wed 24 | 42°/35° | Showers |
| Thu 25 | 43°/35° | Showers |
| Fri 26 | 40°/31° | Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

# סימן טוב ומזל טוב

קול רנה וישועה באהלי צדיקים

א הערצליכן ברכת

## מזל טוב

טוען מיר וואונטשן בהדרת כבוד

פארן

# ראש ישיבה

שליט"א

## "פרנס השנה"

לשנת תשפ"ג

לרגל די גרויסע שמחה בנישואי בנו

החתן

**הרב שמעון הי"ו**

עב"ג טאכטער פון

**הרב אברהם משה שטראססער שליט"א**

מנהל מוסדותינו הקדושים

במזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א בנין עדי עד, דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און אלע קינדער און תלמידים געזונטערהייט.

דער אייבערשטער זאל געבן כח פארן ראש ישיבה שליט"א אונז צו ווייטער מדריך זיין בדרך הישר, און קענען ווייטער מפרסם זיין דעם רבינ'ס עצות פאר די גאנצע וועלט, אמן.

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש

בשם אלע תלמידים, תלמידות,

מחנכים און מחנכות.

# פרנס השבוע



## יבנאל - מירון

מיטן מנדב זיין פאר די מוסדות

## $ 7,200

זענט איר א פולקאמער שותף אין אלע הייליגע אקטיוויטעטן וואס ווערט געטון אין מוסדות היכל הקודש בארץ ישראל על טהרת הקודש. אלע לימודים, מצוות ומעשים טובים וועט גיין אויף אייער זכות.

צו דעם וועט איר האבן די זכות אז די חשובע בחורים פון ישיבת היכל הקודש בירושלים וועלן אויסזאגן גאנץ ספר תהילים ביים ציון פון מוהרא"ש זי"ע אין יבנאל, פאר אייער זכות, און אזוי אויך וועלן אייך די בחורים מזכיר זיין אין מירון ביים ציון פונעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי זיע"א

צו מנדב זיין רופט

**347-466-2410**

# היכל הקודש נייעס

**אין די גאנצע וועלט**

## ניינטע יארצייט פון מוהרא"ש זי"ע



אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש גרייטן זיך מיט גרויס עקסטאז צום יומא דהילולא קדישא פון אונזער גרויסן מנהיג - וואס דער אייבערשטער האט ברוב רחמיו וחסדיו אראפ געשיקט צו אונזער דור - מוהרא"ש זי"ע, וואס פאלט אויס קומענדיגן שב"ק פרשת בשלח י"ז שבט הבעל"ט.

איבעראל אין די גאנצע וועלט וועלן זיך די תלמידים צוזאם נעמען אין די שולן פון היכל הקודש ווי מען וועט איבער חזר'ן און זיך אויפפרישן מיט די לעבעדיגע עצות וואס מוהרא"ש האט אונז איבער געלאזט. מען וועט רעדן איבער די נושאים וואס ער פלעגט אלץ מחזק זיין אז מען זאל כסדר חזרן, מען וועט רעדן פון רעדן צום אייבערשטן, ווי ער פלעגט אלץ זאגן אז ווען א מענטש זאל וויסן וואס מען קען פועל'ן מיט תפילה וואלט מען נישט נישט אפגעלאזט די זאך פון התבודדות.

מען וועט זיך מחזק זיין צו רעדן שיין אין שטוב, ווי מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן אז מען קען נישט זיין אפגעהיטן אן א ווייב, און אויב מען קריגט זיך איז דער סמ"ך מ"ם באלעבאס אין שטוב רח"ל.

מען וועט רעדן איבער דעם סדר דרך הלימוד פון זאגן די ווערטער אפילו אן פארשטיין, מען וועט זיך מחזק זיין מיט לימוד משניות, זאגן פרקים משניות וואס איז מסוגל פאר כל מיני ישועות בפרט פאר ווער עס וויל ארויסגיין פון אלע סארטן עדיקשאנס רח"ל.

מען וועט רעדן פון הפצה, וואס מוהרא"ש פלעגט אלץ מאנען די תלמידים אז אויב דו האסט אנגעהויבן צו הערן די ווערטער פונעם צדיק און דיין לעבן האט זיך געטוישט, פארוואס זאלסטו נישט פארגינען די זיסע לעבן פאר נאך איד. און אזוי ווייטער.

**וויליאמסבורג**

## הכנסת ספר תורה וועט פארקומען אי"ה אין די טעג



אין די לעצטע יאר האט מען געשריבן א ספר תורה לעילוי נשמת מוהרא"ש זי"ע וואס וועט אריינגעגעבן ווערן צום בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג, וואס מען האלט שוין ב"ה ביי די לעצטע שטאפלען, און די הכנסת ספר תורה וועט בעז"ה געפראוועט ווערן קומענדיגן מוצש"ק פרשת בשלח הבעל"ט ברוב עם וברוב פאר והדר.

די כתיבת ספר תורה איז פארגעקומען אין צוויי פלעצער, איינס פארגאנגענעם ליל ששי פרשת וארא נאכן וועכנטליכן שיעור אין וויליאמסבורג, דערנאך איז פארגעקומען די צווייטע כתיבת ספר תורה אין שטעטל פארגאנגענעם מאנטאג בא נאכמיטאג ווי די שטעטל איינוואוינער האבן געהאט די זכי' ארייצושרייבן אן אות אינעם ספר.

די מעמד הכנסת ספר תורה וועט פארקומען מוצאי שבת בשלח צוזאמען מיטן יארצייט סעודה פון אונזער רבי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו וואס די יארצייט געפאלט שבת קודש בשלח. אלע אנשי שלומינו זענען געלאדען צו קומען מיטהאלטן דעם מעמד, וואס וועט פארקומען אין ראלי האטעל אין אפסטעיט ניו יארק ווי עס וועט סערווירט ווערן

<<<<

א געשמאקע סעודה לכבוד די צוויי געהויבענע מעמדים.

## שישו ושמחו בשמחת התורה!

**וויליאמסבורג**

## חתונה ביי א זון פונעם ראש ישיבה שליט"א



א הערליכע פרייליכע אבער פשוטע חתונה איז פארגעקומען אין ישיבה פארגאנגענעם זונטאג בא, פון החתן שמעון נרו יאיר א זון פונעם ראש ישיבה שליט"א, מיט די טאכטער פונעם מנהל הרב אברהם משה שטראססער שליט"א.

דער ראש ישיבה האט אינטערגעפירט אינטער די חופה זיין פערטע קינד בשעה טובה ומצלחת, און דער מנהל שליט"א האט אינטערגעפירט דעם דריטן קינד קע"ה ביידע האבן חתונה געמאכט די קינדער ביז אהער אין בית המדרש.

דאס איז געווען די פיר און זעכציגסטע חתונה אין ישיבה ווי עס ווערט געפראוועט פאר אומזיסט, עס קאסט נישט פאר די מחותנים קיין איין דאלער.

עס איז געווען גאר שיין מיטצוהאלטן די שמחה וויאזוי עס ווערט געפירט אויף א פשוטע אופן, אן קיין אויספענדן געלט אין מיסט פאר אפאר שעה פון די חתונה. און ווי דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדריקט, ווען ער בעט ווען אינגעלייט זאלן אים צושטעלן לעמפעלעך מיט פידלעך פאר די חתונה וואלטן זיי עס גערן צוגעשטעלט, און מען וואלט נאך אפילו געזאגט אז דאס איז הפצה... אבער דער ראש ישיבה איז ווייטער געגאנגען מיטן מהלך אז די חתונה דארף ווערן געפראוועט אין בית המדרש אזוי ווי אלע חתונות וואס אנשי שלומינו פראווען אין בית המדרש.

מאנכע האבן אנגעפרעגט ביי די מערכת הבלעטל פארוואס מען האט ארויסגעשטעלט א אינטערוויו מיטן מחותן מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו, בשעת עס איז נישט די ערשטע און אויך נישט די לעצטע חתונה וואס אנשי שלומינו מאכן חתונה אויף דעם פשוטן וועג אין בית המדרש.

אבער די אינטערסאנטקייט איז געווען ווען אפאר מינוט שפעטער האט איינער אנגעפרעגט ביי די מערכת, היתכן מען מאכט נישט א אינטערוויו מיט יעדן מחותן וואס מאכט חתונה אין בית המדרש און צורייסט נישט זיין געלט בשעת'ן חתונה מאכן א קינד.

דער אמת איז אז דער צווייטער שואל איז גערעכט, מען דארף דאס חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל, און טאקע וועגן דעם שרייבן מיר דא פונעם חתונה ביים ראש ישיבה כדי נאכאמאל ארויסברענגען א אויפוואכונג ביים עולם נישט צו ספענדן געלט (וואס מען האט נישט) פאר א חתונה פון א קינד, ובפרט פאר די נאכט פון די חתונה וואס פליעט אדורך אין געציילטע שעות, אזוי ווי מען זאגט אינעם פיוט ביי ונתנה תוקף "כצל עובר וכענן כלה, וכרוח נושבת וכאבק פורח, וכחלום יעיף". און דערנאך שרייט מען אויס "ואתה הוא מלך קל חי וקים", דער אייבערשטער בלייבט אויף אייביג, דאס איז וואס מען טוט דא חזר'ן אז די אמונה איז די עיקר פון אלעס, און נישט כבוד (המדומה) און געלט.

ווי די משתתפי החתונה געבן איבער איז די שמחה געווען גאר פרייליך און געשמאק, עס איז טאקע געווען צושטיפט וויבאלד עס איז געפראוועט געווארן אין בית המדרש, און נישט אין א גרויסע שיינע רבי'שע זאל וואס וואלט זיך רואיגערהייט אנגעפילט, אבער אזוי ווי דער ראש ישיבה זאגט שטענדיג אז די חתונה איז בסך הכל אפאר שעה און דערנאך גייט יעדער אהיים צו זיין שטוב און דארט קען ער זיך רואיגערהייט אויסציען און זיצן באקוועם אויף וועלכע וועג ער וויל, און עסן וועלכע סארט עסן עס שמעקט אים.

אויך איז די חתונה געווען א גרויסע הפצה, ווי דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט ביים פאריגע חתונה פון זיין טאכטער תחי': ווען עס איז דא א חתונה קומען אלע צו גיין, קרובים וואס וואלטן נישט געגאנגען צו א קרוב'ס חתונה; דאך אין ברסלב, אין היכל הקודש, אין ישיבה - ווילן זיי זען; איז דאס א שטארקע הפצה.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז פון די שמחה זאל נשפע ווערן שפע פאר אלע תלמידים און פאר אלע אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, און אלע אידישע קינדער זאלן אנהייבן רעדן צום אייבערשטן אזוי ווי דער רבי' האט געוואלט.

## קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה!

גרשון קרעמער




## די זיבן קאנטינענטן

ווען מען רעדט איבער די קאנטינענטן, ווען מיר געבן א דין קדימה פאר אייראפע. פארוואס? פשוט ווייל רוב רובם פון כלל ישראל האט זיך געדרייט דארט אין די לעצטע עטליכע הונדערט יאר. אנגעהויבן פון שפאניע, פארטוגאל, דייטשלאנד, אונגארן, רוסלאנד, פוילן און אזוי ווייטער, זענען געווען הונדערטע שטעט און שטעטלעך אנגעפילט מיט קהילות הקודש פשוטע אידן און צדיקים וקדושים וואס האבן געקערט וועלטן.

אבער איידער מיר גייען אריינגיין אין די קאנטינענטן, לאמיר אים באטראכטן, וואס ביסטו קאנטינענט? וואס איז דאס אנדערש פון א לאנד אדער שטאט? לאמיר א קוק טאן אויפן כדור הארץ: בערך צוויי דריטל פונעם באלי איז באדעקט מיטן אקעאן. דאס מיינט אז די יבשה מיט אלע לענדער דערין איז נישט מער פון בערך איין דריטל שטח פון די וועלט. אבער די יבשה איז נישט אלעס אויף איין פלאץ, עס איז צוטיילט אין עטליכע ריזיגע שטיקער "אינזלען", וואס די פילע פעלקער פון די וועלט שלאגן זיך ארום דערויף ווער זאל הערשן וואו.

עס איז אנגענומען איינצוטיילן די יבשה אויף זיבן קאנטינענטן. אזיע, אפריקע, צפון אמעריקע, דרום אמעריקע, אנטארטיקע, אייראפע, און אויסטראליע. אבער וויבאלד די קאנטינענטן אזיע, אפריקע און אייראפע זענען פאקטיש פארבינדן אלץ איין יבשה, אזוי אויך ביידע אמעריקעס זענען פארבינדן, זענען דא וואס טיילן עס איין אין בלויז פיר. "אפרא-אייראָאַזיע", "די אמערקעס", "אויסטראליע" (אדער אשיאנא), און "אנטארטיקע".

אבער דאס איז נישט אנגענומען אויף די וועלט צוליב וואס אויב וואלט מען אזוי גערעכנט וואלטן געווען בערך 180,000 קאנטינענטן, פון די פילע קלענערע און גרעסערע אינזלען איבער די גאנצע וועלט.

יעדע קאנטינענט באשטייט פון ריזיגע שטחים פון וועלדער, פעלדער, בערג, ימים, טייכן און פעלקער ווען די פארשידענע קאנטינענטן זענען אנדערש איינע פון די אנדערע בעיקר מיט וועלכע פעלקער זענען דארט באוואוינט.

אייראפע באשטייט פון די ווייסע פעלקער מיט וואס מיר האבן אנגעהויבן, אזיע איז באוואוינט בעיקר מיט די כינעזע-יאפאנעזע און אראבישע פעלקער, און אפריקע מיט די שווארצע פעלקער. צפון אמעריקע באשטייט בעיקר פון ענגליש אייראפעאישע אפשטאמיגע בראש פון די פאראייניגטע שטאטן, און דרום אמעריקע באשטייט בעיקר פון שפאניש אייראפעאישע. אויסטראליע ווערט אויך באטראכט אלץ אן ענגליש אפשטאמיגע קאנטינענט, און אנטארטיקע איז א פוסטע פארפרוירענע קאנטינענט אן קיין שום לאנד אדער רעגירונג וואס זאל הערשן אויף די ריזיגע ליידיגע שטחים.

עס זענען פאראן מענטשן וואס גלייכן צו פארן צו וואס מער לענדער און שטעט, כדי זיך נאכדעם צו קענען בארימען וואו אלץ זיי האבן שוין באזוכט.

דער הייליגער רבי אין שיחות הר"ן, סימן כ"ח שרייבט שוין דערוועגן: עס איז גוט פארן מענטש דורך צו לערנען יעדן ספר וואס איז דא, כדי מען זאל קענען זאגן אז מען איז געווען אין יעדן פלאץ, אזוי ווי מען זעט ביי די גרויסע שרים וואס פארן ארום די גאנצע וועלט, זיי געבן אויס אויף דעם זייער אסאך געלט, אלץ נאר כדי זיי זאלן זיך קענען נאכדעם בארימען פאר אלעמען וואו זיי זענען אלץ געווען, אזוי ווי די גרויסע שרים האלטן זיך גרויס "איך בין געווען אין ווארשא" און נאך.

דאס זעלבע דארף א מענטש לערנען אלע ספרים אז ער זאל זיך קענען בארימען אויף יענע וועלט: "איך האב אלעס געלערנט, איך בין געווען איבעראל"; און אויף יענע וועלט דערמאנט מען פארן מענטש אלעס וואס ער האט געלערנט אויף דער וועלט.

בעזרת השם יתברך

# ברכת מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן
**א הערצליכן מזל טוב**
פאר אונזער טייערן איבערגעגעבענעם ידיד

## מו"ה **יעקב דוב כהן** הי"ו

וואס איז אלץ גרייט ארויסצוהעלפן מיט אלעם
צום פרייליכן מאמענט ווען דער אייבערשטער האט געהאלפן
אז עס איז אים געבוירן געווארן

## א אינגל למזל טוב

בפרט קומט זיך אים א געוואלדיגע אנערקענונג אויף דעם וואס
ער האט געהאט די זכיה צו זיין דער

## נדבן שער הבנין

אינעם נייעם בנין פון קרן הדפסה

**אשריך ר' יעקב דוב,**
חלק כחלק יאכלו, דו ביסט א שותף אין אלע הייליגע פעולות
פונעם קרן הדפסה. דו האסט א חלק אין די פילע פעולות פון
הפצה און אויך אין יעדע ספר, קונטרס און סידי וואס ווערט
געדרוקט און ווערט צוכאפט טאג טעגליך דורך טויזנטער אידן
איבער די וועלט.
דער אייבערשטער זאל העלפן אז אינעם גרויסן זכות פון
העלפן דרוקן און פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס עצות אויף
דער וועלט זאל דיר ביישטיין אז דו זאלסט זען ערליך אידיש
נחת פון דעם קינד און אלע קינדער, זאלסט געבענטשט ווערן
מיט בני חיי ומזוני רוויחי, זאלסט זיי זוכה זיין צו מגדל זיין
לתורה לחופה ולמעשים טובים,
אמן.

ווי עס וואונטשן
**הנהלת קרן הדפסה**
**קרית ברסלב ליבערטי**

# געדאנקען



## וועלכע איז די עכטע בענענע?

משה ארי' שניצלער

שלום בית איז א זאך וואס קען נישט זיין!

נאכאמאל זאגן?

נישט גוט געהערט?

שלום בית איז א זאך וואס קען נישט זיין!

איבערזאגן צוויי מאל? דריי מאל? טויזנט מאל?

בערך פופצן מיליאן אמעריקאנער קומען אן יעדן יאר אין שפיטאל, דער אייבערשטער זאל היטן אלע אידישע קינדער. דאס קלאפט אויס בערך פינף פערצענט פון די געשאצטע אמעריקאנישע פאפולאציע פון דריי הונדערט מיליאן.

אז מ'זאל מאכן אזא שטייגער קאלקולאציע אויף די וועלט פאפולאציע, קומט אויס א דריי הונדערט מיליאן געשאצטע האספיטאליזירטע פאציענטן יעדן יאר. דער אייבערשטער זאל געבן פאר אלע אידישע קינדער זיסע לאנגע געשמאקע האניג'דיגע יארן פול מיט נחת און שמחות. פון אט די מיליאנען פאציענטן השם ישמרינו איז דא א געוויסע פערצענט וואס אטעמט מיט א מאשין, א רעספערעיטער, דער אייבערשטער זאל אונז אלע אפהיטן פון אלע מחלות רחמנא ליצלן.

ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, איז עס געגאנגען אביסל אנדערש ווי א בשר ודם.

ווען א טישלער א בשר ודם מאכט א טיש, אפילו ווען ער שפאצירט אוועק פון דעם טיש, בלייבט עס א טיש, עס ווערט נישט אויס טיש.

ווען א באנקיר מאכט א באנק, אפילו ווען ער גייט אויף וואקאציע אין יענע שטאט וואו ס'איז נישט דא קיין פרעשור (כ'ווייס נישט וואו דאס איז, אבער ער גייט שוין דארט צען יאר אין א צי, ער איז שוין כמעט אינגאנצן פרעשער-לאז) בלייבט עס א באנק, יעדער קען זיצן אין פארק אויף דעם הערליכען מאהאגאני באנק און פאררייכערן א קובאנער ”טאראנאו“ ציגאר, דער באנק האט נישט קיין שום שייכות מיט'ן באנקיר וואס האט דאס געמאכט.

ווען א מילעכיגער ברענגט מילך צו אייער טיר, אזוי ווי פאר הונדערט יאר צוריק, איז די מילך נישט איינס מיט דעם מילעכיגער, ער גייט זיך ווייטער, און איר זיפט שטייטעלעך קאווע פון די mug מיט'ן אויפשריפט:
I am not arguing, I am just explaining why I am right

ווען א סמעטענער מאכט סמעטענע, קענט איר עס גלייך נוצן אויף איינצוטינקען די דייעט בלינצע, ש'קיין חילוק צו ער איז דא צו נישט.

ווען דער פרינטער גייט פרינטן הונדערט דאלער בילס מיט'ן בילד פון בענדזשאמין פרענקלין, מוז ער נישט דא זיין, ער קען אוועק גיין און די ”עפ בי איי“ וועט אים שוין טרעפן.

ווען א זויערער מאכט זויערע אוגערקעס, מוז ער נישט דא זיין ווען איר עסט די ליל ששי טשולנט מיט די crew, איר קענט אים געבן אין די האנט א שירעם צו שטיין דערמיט ביים קארנער.

ווען דער לאקשן סוחר קומט פארקויפן לאקשן אז מ'מעג נאר לערנען מיט א חברותא, און נאר ביינאכט אין די צייט וואס די אשת חיל דארף באדן און לייגן שלאפן פינעף פיצלעך קינדער, און זאגן משניות הייסט נישט

געלערנט, מוזט איר נישט האלטן דעם לאקשן מענטש נעבן זיך, איר קענט אים שיקן צו די רוויטע פעפער און זיך פארסמאקעווען מיט די גמרא און ענדיגן ש"ס יעדן יאר (ס'נעמט פיר און צוואנציג מינוט א טאג צו ענדיגן ש"ס אין איין יאר! פרובירט עס אויס צו ברסלב האט אייך אפגעפאפט).

ווען דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט איז עס געגאנגען אביסל אנדערש, ס'איז דא וואס זענען עס מסביר אזוי ווי א רעספּערעיטער. אכט ביליאן מענטשן אטעמען סתם, דער אייבערשטער געבט לופט איבעראל, ס'איז אבער דא עטליכע מיליאן (וויניגער ווי א צענטל פון א טויזנטסטל פון די וועלט) וואס אטעמען נעבעך מיט א רעספּערעיטער.

דער אייבערשטער איז אייביג דא וואו עס געפינט זיך די זאך וואס ער האט באשאפן. אזוי ווי דער רעספערעיטער פאציענט, אויב מ'הערט אויף אריינבלאזן איז ער נישט בין החיים, אזוי האט דער אייבערשטער געמאכט די בריאה, יעדע רגע בלאזט דער אייבערשטער אריין א נייע לעבן אין יעדן מענטש, אין יעדן ביימעלע, אין יעדן גרעזעלע, אין יעדן בענקעלע, אין יעדן באנק, אין יעדן באנקיר, אין יעדן לאקשן סוחר, אלעס אין די בריאה לעבט נישט פון נעכטן, נאר פון א נייע חיות וואס דער גרויסער גוטער זיסער באשעפער, ברוב חסדו וברוב חכמתו געבט אריין אין אונז. אויב דער אייבערטער וואלט פאר איין סקונדע נישט אריינגעגעבן נייע חיות אין די בריאה, וואלט אלעס גלייך געווארן כאין וכאפס. גארנישט מיט נישט, תוהו ובהו.

שלום בית האט א ביסל צו טון מיט אט די רעספּערעיטער טעאריע. די וואס בלאזן אומאויפהערליך אריין אביסל חיות צו האלטן די שטוב געשמאק און פריש, די האבן א חיים טובים, די לעבן א גן עדן לעבן. אז מ'לאזט אביסל נאך פון האלטן קאפ אויף שלום בית, קען די גאנצע שטוב ווערן א שטיק תוהו ובהו חס ושלום. נאכדעם קען שוין דער געלטגייציגער שלום-בית-מאכער ברייט חתונה מאכן זיינע צען בנים. ס'קומט אריין שפע בעת שמחתינו ובעת זיך אויסלאכן פון אידישע קינדער וואס ליידן א גיהנום ביי זיך אין שטוב, נאר ווייל מ'האט זיי נישט געלערנט אז שלום בית מיינט מוותר זיין.

א מאן און ווייב זענען צוויי פארקערטע באשעפענישן, זיי גייען אייביג וועלן פארקערטע זאכן. פינטל.

און נישט נאר א מאן און ווייב, אפילו צוויי מענער אדער צוויי פרויען, אדער אפילו צוויי קעצעלעך, אדער לעמעלעך, יעדע צוויי ברואים ווילן עפעס אנדערש.

אז איך האלט אז מ'דארף קויפן גרינע הארטע בענענעס, וועט מיין ווייב זאגן געלע ווייכע, אדער גאר ברוינע האלב פארפוילטע. אז איך וועל זאגן געלע עפעלעך, וועט זי זאגן גרינע. אז מיין ווייב וועט זאגן הארטע אוועקאדאו, וועל איך זאגן ווייכע. אז זי וועט זאגן ווייכע טישו'ס, וועל איך זאגן הארטע, ווייל ס'איז ביליגער, (אויך ווייל היינט איז זי דער וואס איז פארקילט, און נישט איך, במילא איז די טייערערע ווייכע טישוס א איבעריגע זאך).

דער מאן האלט אז די קינדער זענען חוצפה'דיג ווייל די מאמע איז צו ווייך, די מאמע טענה'ט אז די קינדער האלטן שוין נאך א נערוון בראך ווייל דער טאטע איז א mental abuser, ער פאר'סמ'ט די לופט מיט בייסעדיגע גראדזשעדיגע ציפעדיגע negativity וואו ער גייט און שטייט, און ער זאגט נאך זיינע גרימצארנדיגע קורצע ברענעדיגע קאמענטארן מיט א געמאכטע זיסע שטילע איידעלע זיידענע באַ'טעמט'ע רואיגע שטומע, אז די ארומיגע וואס כאפן נישט זאלן טראכטן אז ער איז דער וואוילטשקער און די מאמע איז די קוויטשעדיגע לעידי וואס קען זיך נישט קאנטראלירן.

יעצט פארשטייט איר שוין וואס מיר האבן אייך געזאגט אז שלום בית איז א זאך וואס קען נישט זיין, ס'איז נישט קיין מציאות אז צוויי מענטשן זאלן טראכטן איינציג.

די צרה איז נאר אז א וויבאלד א מענטש איז desperate, קומט ער אן צו אfake solution.

עס איז דא א אלטע מבוכה צו א פאלשע סאלושן איז ערגער ווי נישט האבן א סאלושן, אדער נישט.

דער המון עם טענה'ט (געוועגליך איז עס די זעלבע מענטשן וואס שרייען אז א טישו וועגט "גארנישט") אז א פאלשע סאלושן איז נישט ערגער ווי נישט האבן א סאלושן, אם לא יועיל לא יזיק, ס'איז פארהאן אבער א שטארקע שיטה ביי גרויסע פראפעסארן אז א פאלשע סאלושן איז ערגער ווי נישט האבן א סאלושן.

למשל, אז איך עפן נישט א גמרא פאר א וואך, א חודש, א יאר, איז דא א סאלושן, א נייע חברותא, א נייע בית המדרש, מיט בעסערע קאווע, מיט ספלענדע פאלשע צוקער, מיט עכטע אלטע פארצייטישע באַ'חן'טע קאצקע צוקער, מיט האניג און לעמאן ביי די טיי, א נייע מסכתא, א נייע אימעיל וואס שיקט אריין די גמרא אז אפילו איינער ווי איך וואס לערנט נישט קיין אות אחת זאל עס אויך קענען פארשטיין,

א נייע מסגרת, א נייע חבורה, א נייער וואילהארציגער תורה מעצאנאט וואס ספענדט זיינע מיליאנען אויף צו מאכן רייכע סיום-באנקעטן ווייל "יעדער" וואס קומט צום באנקעט קען די מסכתא פון די חבורה אויסנווייניג ישר והפוך מיט אלע ראשונים און אחרונים. ס'איז גרינג אריינצופאלן אין א פאלשע סאלושן, אבער אויב דו ווערסט דורכזאגן ש"ס, וועסטו געוואויר ווערן וואס איז א עכטע לעבן.

אסאך מענטשן מיינען אז יעדער האט שלום בית ווייל זיי זענען צוויי איינשטימיגע מענטשן, אבער איך קען נישט האבן קיין שלום בית, ווייל מיין ווייב איז צו קלוג, אדער צו נאריש, אדער ווייל מיין ווייב'ס משפחה איז צו ארעם, אדער צו רייך, צו פרום, צו יאנטשי, צו אויפרייסעריש, צו פלאטשיג, צו שארף, צו שטומפיג, צו פליקעריש, צו לעמעלעדיג, צו באהאוונט, צו אויפגעקלערט, צו אומדערהערט, צו פארקערט, צו וואקלדיג, צו צאפלדיג, צו assertive, צו undecisive, א מענטש מיינט נעבעך אז זיין ווייב איז "צו עפעס", איך ווייס נישט וואס, אבער עפעס איז זי ממש פארקערט ווי איך.

דא קומט אריין די "פעיק סאלושן", איך גיי טראגן מיין ווייב צו די צוויי טויזנט דאלערדיגע בענענע shabat-ton (די מארקעטינג קאמפאני האט עס געוואלט רופן bananathon, אבער דער קעיטערער איז געוואר געווארן דערפון און געסטראשעט אז צודרייטקייט האט אויך א שיעור, נעם אראפ די פאררוקטע נאמען, אדער זוך א צווייטן קעיטערער) וואו זי וועט הערן לעקציעס איבער די פאלשקייט פון געלע בענענעס, מ'וועט צוטיילן אלע קינדער (נאר צו די פאראנטווארטליכע גרינע בענענע משפחות) יענע שבת, אז מיר זאלן פיינעלי קומען אויף איין דעה בנוגע די בענענע פראגע און אזוי וועט זיין הארמאניע אין שטוב איינמאל פאר רררראלעמאל!

אזוי לאנג ווי דו ווערסט זוכן א וועג אז דו און דיין ווייב זאלן ליב האבן די זעלבע בענענע, עפעלעך, אוואקאדאו און טישו'ס ביסטו אין א פעיק סאלושן, דאס וועט דיך נאר דערווייטערן פון פארשטיין וואס שלום בית איז.

שלום איז די נאמען פון הייליגן באשעפער. הייליגער באשעפער העלף איך זאל אריינעמען דיין הייליגן נאמען אין שטוב.

הייליגער באשעפער, נאר דו ווייסט אז אן דעם אייבערשטן איז נישט דא אזא זאך ווי שלום בית, העלף מיר אייבערשטער איך זאל לעבן נאר פאר דיר, העלף איך זאל יעדן טאג אריינלייגן אין מיין קליינע בעיבישע קינדערגארטן קעפעלע די נערוון מעדעצין וואס הייסט "זאגן משניות און גמרא", אז עס זאל מיר נישט שפילן די נערוון ווען מיין ווייב וויל עפעס אנדערש ווי איך.

לאמיר אלע בעטן צוזאמען: "הייליגער באשעפער, נאר דו ווייסט אז מיין שלום בית צופאלט יעדע רגע ממש, הייליגער באשעפער, נאר דו קענסט אריינבלאזן אביסל חיות אין מיין שטוב, אוי טאטע, חדש ימינו כקדם, העלף איך זאל לעבן אזוי ווי אין שבע ברכות, דעמאלטס איז אלעס געווען זיס און לעכטיג, ביידע די זעלבע עסן, די זעלבע נאש, די זעלבע טשאקלעד, די זעלבע אייס קרים, ס'איז נישט געווען קיין שום דיפערענץ צווישן אונז, אוי הייליגער באשעפער, ביי דיר איז אלעס מעגליך".

טייערע חברים, לאמיר בעטן צוזאמען, ברוב עם הדרת מלך, דער גאנצער ציבור בענעזאם: "אוי הייליגער באשעפער, מיין שלום בית דארף א רעספערעיטער! עמערדזשענסי! Code one! אוי טאטע! קאוד בלו! טאטע מיין שלום בית איז אין קארדיעק ארעסט"!

די אקסידזשען פון שלום בית איז אז מ'רעדט שיין, אז מ'טראכט גוט אויף זיך און אויף די ווייב, א ערליכער איד זאגט יעדן טאג "הייליגער באשעפער, דו ביסט גוט, מיין ווייב איז זייער גוט, און איך פרוביר אויך צו זיין גוט, איך וועל פרובירן אביסל שטערקער, שכח אייבערשטער אז דו האסט מיר געגעבן די בעסטע ווייב אין די וועלט, העלף מיר אייבערשטער איך זאל נישט טראכטן פון אנדערע מענטשן, איך זאל זען דאס גליק ביי מיר אינדערהיים".

די אקסידזשען פון שלום בית איז די דריי יסודות'דיגע ברסלב'ע עצות:

א. רעדן שיין.

ב. בעטן יעדן טאג דעם אייבערשטן אויף שלום בית, יעדן טאג אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן מהנעשה והנשמע בשלום בית שלנו, דערציילן דעם אייבערשטן, איך האב געזאגט אזוי, מיין ווייב האט געזאגט אזוי, כ'האב געמיינט אז איך פלאץ, כ'האב זיך דערמאנט אז קיינער קומט מיר גארנישט, איך בין גליקליך אז איך האב א ווייב.

ג. לערנען תורה יעדן טאג. אן די דריי זאכן איז נישט דא וואס צו טראכטן אז דא גייט אמאל זיין א טראפקעלע רואיגקייט, א ברעקעלע שלוות הנפש, א ניצוץ פון חדוות החיים.

לאמיר אריינבלאזן אביסל שלום-בית-אקסידזשען מיט'ן רעספערעיטער...... לאמיר זאגן א פרק משניות, ביסטו א געהאלפענער!

# קלאסיפיידס

ברסלב שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*







## השבת אבידה שטיבל

121 Twin bridge Liberty NY 12754

א לעצטע דערמאנונג צו אויפצופיקן אייערע פריוואטע חפצים ביים השבת אבידה שטיבל.

אפאר וואכן ארום וועט אם ירצה השם פארקומען א גרויסע אויספארקויף אויף אלע חפצים וואס ליגן אין השבת אבידה שטיבל.

**התורה חסה על ממונם של ישראל**

## צדקה בייטלעך

אלע וואס האבן א צדקה בייטל און ווילן איבערגעבן די געלט פארן ראש ישיבה קען מען עס איבערגעבן פאר מו"ה ישראל פוקס הי"ו.

845-720-2560

## Catskill Professional Plaza

געשמאקע שיינע הערליכע ליכטיגע באקוועמע אפיסעס אוועילעבל.

רופט היינט.

646-938-2503

39oldmonticello@gmail.com

## אפיסעס צו דינגען

הערליכע שיינע אפיסעס, גרויסע און קליינע, צו פארדינגען אויף מעין סטריט אין ליבערטי.

פאראינטערעסירטע רופט אדער טעקסט

646-462-8189



# „מעשיות פון תפילה"

## יודל ווערצבערגער - מאנסי:

איך וואוין שוין ברוך השם אין מאנסי איבער צוויי יאר אבער אן א קאר, פארשטייט זיך אז ס'איז מיר געווען זייער שווער צו דארפן צוקומען צו טובות פון מענטשן, און אזוי אויך דארפן זייער אסאך מאל דינגען א קאר יעדע מאל מ'האט געדארפט ערגעץ אנקומען.

איך האב זיך געשפירט זייער איינגעשפארט, ס'איז געווען זייער אנגעשטרענגט פאר מיר און מיין ווייב.

די פראבלעם איז געווען אז איך האב נישט קיין קרעדיט אויפן מיין נאמען כדי צו קענען ליעסן אדער פייננסן א קאר, אויך די געלט צו קויפן א קאר האב איך נישט געהאט.

איך האב זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן "אייבערשטער איך בעט דיר איך דארף אזוי וויכטיג א קאר, העלף מיר".

איך האב זיך נאכאמאל און נאכאמאל געשטארקט מיט די דרשות פונעם ראש ישיבה און ווייטער צוריק געגאנגען צום אייבערשטן, אויך האב איך געדאנקט דעם אייבערשטן פאר אלעס וואס איך האב יא, "שכח אייבערשטער איך האב וואו צו דינגען א קאר. שכח אייבערשטער איך האב נישט קיין טיקעטס אויף מיין לייסענס. שכח אייבערשטער איך האב פיס וואס איך קען מיט דעם גיין און אזוי ווייטער".

שכח אייבערשטער יעצט נאך אסאך תפילות האב איך באקומען א גוטע קאר וואס איך גלייך און נאכדערצו פאר א ביליגע פרייז.

## דוד דייטש - מאנסי:

מיין ווייב האט פארלוירן איר טעלעפאן, איך האב גלייך געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל עס טרעפן, אבער למעשה האט מען עס נישט געטראפן. איך האב עס געזוכט און אויך אריינגערופן די טעלעפאן אבער גארנישט, מען טרעפט עס נישט.

ביז אינמיטן קומט איינער צו אויפן גאס און פרעגט מיר איז דאס דיין פאון? שכח אייבערשטער.

## אברהם הערש וועבערמאן - קרית ברסלב:

פרייטאג צונאכטס האב איך באקומען געפערליכע קאפווי' און שוואכקייט אין די ביינער, איך האב מיר אראפגעלייגט און געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אוועקגיין ווי שנעלער, אויך האב איך גענומען טיילענאל (פארשטייט זיך לויט ווי די הלכה לויטעט) אבער למעשה האט עס נישט געהאלפן, איך בין געווען גאר אפגעשוואכט, און געהאט געפערליכע קאפווי', און די קאפ האט געשווינדעלט.

איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אוועקגיין ווי שנעלער, און נאר דו קענסט מיר העלפן אין דעם מצב, קיינער קען מיר דא נישט העלפן.

שכח אייבערשטער אז מוצאי שבת איז עס אוועקגעגאנגען, איך האב צוריקבאקומען די כוחות אין די ביינער, און די קאפווי' איז אוועקגעגאנגען ווי די שווארצע פעפער וואקסן. דער אייבערשטער האט נאר געוואלט אביסל הערן מיין קול.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א



**מוֹהֲרָא"שְׁ'ס זַאךְ אִיז גֶעוֶוען לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה - טוּן צוּ דֶער זַאךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, ה' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה פוּן אַ תַּלְמִיד אִין יְשִׁיבָה אוּן מָארְגְן וֶועט זַיין נָאךְ אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה. וֶוער הָאט עֶס גֶעגְלֵייבְּט אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין דָא; דֶער חָלוֹם פוּן מוֹהֲרָא"שׁ הֵייבְּט אָן מְקוּיָם וֶוערְן, מָארְגְן וֶועט זַיין דִי נַיינְצֶנְסְטֶע חֲתוּנָה.

**אַלֶע הָאבְּן גוּטֶע פְלֶענֶער** וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הֶעלְפְן מְחוּתָּנִים זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן בַּיי דִי שִׂמְחָה, **אָבֶער תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ טוּעֶן לְמַעֲשֶׂה**; מוֹהֲרָא"שְׁ'ס זַאךְ אִיז גֶעוֶוען לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה - גֶעטוּן צוּ דֶער זַאךְ, **אֱמוֹר מְעַט וַעֲשֵׂה הַרְבֵּה.**

בֵּיידֶע חֲתָנִים הָאבְּן זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַלֶע זֵייעֶרֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה פַּאר דִי מוֹסָד; הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער אוּן אַהֵיים גֶעטְרָאגְן דִי קִינְדֶער פוּן חֵדֶר אוּן סְקוּל מִיט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעטְרֵיישַׁאפְט, אוּן דֶער חָתָן ... וָואס גֵייט מָארְגְן חֲתוּנָה הָאבְּן הָאט יָארְן גֶעפִירְט דִי סְקוּל; לַאנְגֶע יָארְן הָאט עֶר גֶעמֶענֶידְזְשְׁט דִי סְקוּל בֵּית פֵּיגָא מִיט אַ גֶעטְרֵיישַׁאפְט, אוּן יֶעצְט הֶעלְפְט עֶר וַוייטֶער מִיט אַזוֹיפִיל זַאכְן, מֶען זֶעט וִוי דֶער רֶבִּי בַּאצָאלְט פַאר'ן הֶעלְפְן, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיף לִיכְטִיגֶע שְׁטוּבֶער.

אִיךְ יָאג זִיךְ זֵייעֶר, אִיךְ דַארְף אַרַיין לוֹיפְן אִין יְשִׁיבָה; דִי בָּחוּרִים וַוארְטְן אוֹיף מִיר, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף חִיזוּק. בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה דֶעם זְמַן זֶענֶען אוֹיסְנַאם בָּחוּרִים, זֵייעֶר עֶרְלִיכֶע אוּן אֵיידֶעלֶע; אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פָּשׁוּט וַוייל אִיךְ וִויל דִיר אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף דוּ זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי נַארִישְׁקֵייטְן, הֵייבּ אוֹיף דַיין קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## א חתונה אין ישיבה

**ביים רעדן א שמועס פון די אומזיסטע חתונות אין ישיבה האט דער ראש ישיבה געזאגט:** דער וואס האט נאכנישט חתונה געמאכט דער פארשטייט נישט פארוואס מען דארף זיך אזוי איינ'עקשנ'ען חתונה צו מאכן אין ישיבה, אבער דער וואס האט שוין חתונה געמאכט מיט חובות - דער ווייסט שוין גאר גוט דאס חשיבות דערפון. עס איז נישט דא נאך אזא שמחה ווי די מחותנים קענען זיצן און עסן רואיג און זענען זיך משמח ווי ווען עס קאסט זיי גארנישט קיין געלט.

געווענליך ביי חתונות זענען אלע פריילך; די געסט זענען גאר פריילך, חתן כלה זענען משונה פריילך, די מחותנים זענען אויך פריילך - אבער עס דרוקט זיי די חובות. **אסאך מאל דארף מען רופן 'הצלה'** ביי א חתונה צום מחותן ווען עס הייבט אים אן דרוקן זיין הארץ פון די חובות אין וואס ער איז אריין. די חתונה ענדיגט זיך, אלע גייען אהיים, אלע פארגעסן וואס עס איז געווען, חוץ די מחותנים - זיי דארפן נעבעך בלוטן פון די חובות פון די חתונה נאכט, וואס האט געדויערט א נישטיגע פינף שעה.

מיר גייט אין לעבן אז מיינע תלמידים זאלן נישט האבן קיין חובות; **איך וויל אויפשטעלן א קהלה וואו מען וועט לעבן פאר זיך - נישט פאר א צווייטן,** א שמחה זאל זיין מיט א אידישן טעם, מען זאל זיין פריילך ביי א שמחה, מען זאל הנאה האבן יעדע מינוט פון די שמחה, עס זאל זיין מיטן אייבערשטן - אן בארגן און אן גנב'נען פון א צווייטן. ווען מען בארגט געלט און מען ווייסט בשעת'ן בארגן אז מען גייט נישט באצאלן - איז מען א גנב, אזוי ווי עס שטייט (תהלים לז, כא): "**לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם**", איינער וואס בארגט געלט און באצאלט נישט - איז א רשע; איך זע ווי אינגעלייט מאכן טייערע שמחות ווען זיי האבן נישט קיין געלט, זיי טון דאס כדי נישט צו ווערן פארשעמט פון די וואס מאכן טייערע שמחות, האב איך אפגעמאכט אז **ביי אונז וועט זיין פארשעמט דער וואס מאכט טייערע שמחות.**

**איך זאג צו פאר אלע מיינע תלמידים וואס וועלן חתונה האבן אין ישיבה ערליכע דורות, קינדער יראי ה', קינדער וואס וועלן לעבן מיטן אייבערשטן.**

(מכתב ה' בלק ט"ו תמוז תשע"ח)

# א מַעֲשֶׂה
## פון א צדיק



### עֶנְדִיגְן שַ"ס

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט פַּארְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אֵיינְמָאל גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי ר' חֵייקְל (עֶר אִיז גֶעוֶוען דִי חַזָּן בַּיים רֶבִּי'ן) אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן וֵויינְט זֵייעֶר אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן שַ"ס, אִינְמִיטְן הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן "רֶבִּי, אִיךְ הָאבּ אַלֵיין גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַז וֶוער עֶס אִיז מְסַיֵים שַ"ס צִיעֶט אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים". אוּן דָאס אִיז טַאקֶע אַ קַבָּלָה וָואס אִיז מְקוּבָּל פוּנֶעם רֶבִּי'ן אַז וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט שַ"ס אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים.




רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן וֶועגְן דָאס וָואס מֶען פְרֶעגְט אוֹיבְן אִין הִימְל "צִפִּיתָ לִישׁוּעָה", רַשִׁ"י אִיז מַסְבִּיר אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יְשׁוּעָה בִּכְלָלִיּוּת, אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף מָשִׁיחַ. הָאט רֶבִּי נַחְמָן צוּגֶעלֵייגְט אַז דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אַז מֶען פְרֶעגְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבּ בִּשְׁעַת עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ צָרָה צוּ עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַוארְט אוֹיף אַ יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען.

דִי תְּמִימוּת פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אִיז גֶעוֶוען צוּם בַּאוואוּנְדֶערְן, בִּיז אַפָּאר פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אִים גֶערוּפְן "דֶער תַּם פוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת", עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֶּה' גֶעוֶוען מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן דָאס הָאט עֶר אוֹיךְ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִין בִּיזְנֶעס לַייט וָואס הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין מַשָּׂא וּמַתָּן אַז זֵיי זָאלְן שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן זִיךְ מְחַיֶּה' זַיין מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה. עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן דֶעם דִיבּוּר פוּנֶעם תַּם "נָאר אָן לֵיצָנוּת".

אוֹיף זַיין מַצֵּבָה הָאט מֶען אוֹיסְגֶעקְרִיצְט "פֹּה נִטְמָן אִישׁ תָּם וְכוּ'" זַיין זוּן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר פְלֶעגְט זָאגְן אוֹיף דֶעם אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי אֱמֶת, זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ אִישׁ תָּם, נָאר עֶס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפֶעלְט דָאס צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיפְן מַצֵּבָה, עֶס וָואלְט גֶעוֶוען גֶענוּג צוּ שְׁרַייבְּן דֶעם נָאמֶען. אַזוֹי וַוייט הָאט עֶר זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן אַ חֲשַׁשׁ אוּן רֵיחַ פוּן פִּרְסוּם שֶׁל שֶׁקֶר.

דוּרְךְ דִי גְרוֹיסֶע תְּמִימוּת וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אֱמֶתְ'עֶ חֵן, אַז אַלֶע זַיינֶע דִיבּוּרִים זֶענֶען גָאר גֶעשְׁמַאק, אוּן עֶס גֶעצוֹיגְן יֶעדְן צוּ וֶועלְן הֶערְן. דִי רָב פוּן טְשֶׁערִין ז"ל פְלֶעגְט זָאגְן "הַיינְט שְׁטֵייט אַיין דֶער נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה בַּיי רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער".

(ספר אילן החיים סימן קנז -קסב)





# דעם הייליגן רבינ׳ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

## - ס״ב -

**פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** טְרָאץ דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת, זֶענֶען דֶעמָאלְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אַ שְׁטֵייגֶער וִוי ר׳ יִצְחָק אַייזִיק, וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט שְׁטַארְק פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ דִי בִּיטֶערְנִישְׁן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן צוּ אִים קַיין טִירְהָאוִויצֶע. דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פָּארְהַאלְטְן זַיין שְׁוֶוער.

* * *

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, "וֶוען דוּ לֵייגְסְט תְּפִלִין אִינְדֶערְפְרִי אוּן דוּ שְׁטֶעלְסְט זִיךְ דַאוֶוענֶען, אוּן עֶס גֵייט דוּרְךְ אַ גוֹי וָואס הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען אַזַא זַאךְ, אוּן עֶר זֶעט וִוי דוּ דְרֵייסְט אַרוֹיף אוֹיף דַיין הַאנְט הוֹיט פוּן אַ בְּהֵמָה, אוּן דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אוֹיסְרֶעדְן קַיין אֵיין וָוארְט צוּ אִים, וָואלְט עֶר וֶוען נִישְׁט גֶעזָאגְט אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע?!"



דֶער רֶבִּי הָאט מִיט דֶעם אִים גֶעוָואלְט אוֹיפְקְלֶערְן אַז עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע וִוי דֶעם נַארִישְׁן גוֹי, וֶוען עֶר זָאגְט אוֹיף זַיין אֵיידֶעם אַז עֶר אִיז מְשׁוּגָע, אִין דִי צַייט וָואס עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין וֶועג אַזוֹי וִוי עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין רֶבִּי׳ן.

אוּן אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער גֶערֶעדְט מִיט אִים אִיבֶּער דֶעם וָואס עֶר טְשֶׁעפֶּעט אַזוֹיפִיל זַיין אֵיידֶעם, בִּיז וֶוען דֶער שְׁוֶוער הָאט חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעהַאנְדְלְט מִיט זַיין אֵיידֶעם, אוּן זִיךְ פָּארְגֶענוּמֶען אַז עֶר וֶועט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט טוּן.

וֶוען ר׳ יִצְחָק אַייזִיק הָאט גֶעעֶנְדִיגְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט אִים, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶערְפוּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים מַמָשׁ מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען.

דֶער רֶבִּי הָאט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט דָארְט בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ, אוּן אִינְדֶערְפְרִי אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעפָארְן. אוּן פוּן דֶעמָאלְט אוּן וַוייטֶער הָאט ר׳ יִצְחָק אַייזִיק גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין וֶועג אָן קַיין שְׁטֶער, אוּן אִיז גֶעוֶוען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת׳עֶ דְבֵיקוּת.

טְרָאץ דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת, זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וַוייטֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע פוּן אַלֶע אַרוּמִיגֶע שְׁטֶעט וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעוואוֹינְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְן רֶבִּי׳ן.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, "אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגָה וואוּ זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען דָארְט גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין. אִיךְ וֶוער אָבֶּער, בָּרוּךְ ה׳, יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ".

מִיט דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי עֶרְקְלֶערְט דִי מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז דָא אוֹיף אִים, "אַ צַדִיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ בּוֹים, אוּן עֶר הָאט וָוארְצְלֶען מִיט צְוַוייגְן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דֶערְפַאר הָאט יֶעדֶער צַדִיק מַחְלוֹקֶת אוֹיף זִיךְ אֵיידֶער עֶר קוּמְט אָן צוּ זַיין מַדְרֵיגָה, וַוייל חֲזַ״ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ז.) "הַאי תִּיגְרָא דַּמְיָא לְבִידְקָא דְּמַיָּא" מַחְלוֹקֶת אִיז וִוי אַ שְׁנִירְל וַואסֶער, קוּמְט אוֹיס אַז אַ צַדִיק וָואס אִיז וִוי אַ בּוֹים, דַארְף הָאבְּן מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז וִוי וַואסֶער, אַז עֶר זָאל קֶענֶען וַואקְסְן.

אִיךְ דַארְף אָבֶּער אַלֶעמָאל הָאבְּן מַחְלוֹקֶת אוֹיף מִיר, וַוייל אִיךְ גֵיי אֵייבִּיג הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער פוּן אֵיין דַּרְגָּא צוּם צְוֵוייטְן. אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ שְׁטֵיי יֶעצְט דִי זֶעלְבֶּע וִוי פְרִיעֶר, וָואלְט אִיךְ זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדַארְפְט אוֹיף דֶער וֶועלְט".

אֵיינְמָאל, אִין בְּרֶען פוּן דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וֶוען מְ׳הָאט גֶערֶעדְט אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אַז סְ׳אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיסְצוּהַאלְטְן דִי אַלֶע מַחְלוֹקֶת, רְדִיפוֹת, אוּן בִּזְיוֹנוֹת. הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט, "גְלוֹיבְּט מִיר, אִיךְ קֶען מַאכְן שָׁלוֹם מִיט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף מִיר. וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז סְ׳אִיז דָא אַזֶעלְכֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הֵיכָלוֹת וָואס מְ׳קֶען דָארְט נִישְׁט אָנְקוּמֶען נָאר דוּרְךְ מַחְלוֹקֶת.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִי״ה
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**



# מעשיות פון תפילה

תלמידה בית פיגא
ארץ ישראל

איך האב געהערט זייער א שיינע שיעור פון דער ראש ישיבה שליט"א. נאכדעם האב איך עס געוואלט הערן נאכאמאל, אבער איך האב נישט געדענקט וועלכע שיעור עס איז. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן דעם שיעור.

א שטיק צייט נאכדעם האט מיר איינע געבעטן אויב איך קען אפשרייבן א שיעור פון דער ראש ישיבה שליט"א. איך האב איר געזאגט יא, און זי האט מיר געזאגט וועלכע שיעור אפצושרייבן.

איך הייב אן צו שרייבן די שיעור און איך הער אז עס איז טאקע די שיעור וואס איך האב געזוכט.

שכח אייבערשטער פאר די שיינע מעשה פון תפילה.

מלכה שניצלער
קרית ברסלב

מיין טאכטער איז שוין געוועזן צוויי יאר אבער זי האט נאך נישט געוואקסט, יעדער איינער האט מיר געגעבן גוטע עצות, אפשר דארף זי דאס טון אפשר יענץ טון. אפשר איז עפעס ראנג מיט די פיס, אפשר דארף זי טערעפי.

איך האט גארנישט געטון, נאר געבעטן דעם אייבערשטן אז זי זאל אנהייבן וואקן ווי געהעריג.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ביים צינדן לעכט, און ביים באקן חלות, אזוי אויך געבעטן א ברכה פון דער ראש ישיבה.

שכח אייבערשטער זי האט אנגעפאנגען וואקן אן קיין הילף פון קיינעם, נאר דירעקט פונעם אייבערשטן.

מ. קורדובה
ביתר

1. איך האב געהאט א גרויסע טעסט אין ענגליש בעהפ [ביי אונז הייסט עס חוץ] איך קען אביסל ענגליש, נאר מיין פראבלעם איז געווען אז מען האט געדארפט ענטפערן אסאך שאלות פאר די טעסט און איך האב נישט געהאט קיין צייט און קאפ צו עס אנפילן.

האב איך געבעטן דעם איבערשטן און זיך פארלאזט אז ער גייט מיך העלפן. שכח אייבערשטער עס איז מיר בייגעפאלן צו בעטן פון א חבר'טע וואס האט שוין געענדיגט די טעסט, אזוי האב איך געהאט אלע ענטפערס

2. איך בין געגאנגען איינקויפן אפאר זאכן פאר מיין כתה, צוליב א חבר'טע וואס איז געווארן א כלה איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל אניאגן צו קומען גענוג פרי כדי מיר זאלן קענען באפוצן שיין די כתה און אויך זאל זיין זייער פריילעך און לעבעדיג.

געלויבט דעם אייבערשטן עס איז געווען זייער געלונגען די טאנצן! די באפוצן!



845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com



הערליכע
פראכטפולע
עהרפולע
מכובד'יגע

# חתן

פעקעדשעס

CUSTOM
SHOWROOM
BY YANKY

EXPERIENCE
EXCLUSIVITY

Now offering
private appointments

917-474-6118

csbyyanky@gmail.com
@customshowroombyyanky

We are now offering a premium service where you can get all the Judaica you need hassle free

Puroches // Mantalach // Kitel // Talis Bags // Tefilin Bags // Personalized Tzizis // Custom Challah Covers

ZEBRA



# קוק מיין הארץ

- געשריבן דורך ל. קליין -

תהלות לקל עליון... אוי איך האב פארגעסן אז מיין מאמע האט מיר געזאגט פארן ארויסגיין פונדערהיים, צו אויסלעשן די עירקאנדישן אין צימער, עס גייט יעצט ארבעט אזויפיל שעה סתם, איך מוז זיך מאכן עפעס א דערמאנונג איך זאל נאכאמאל נישט פארגעסן...

מחי'ה מתים ברחמים... אוי איך האב פארגעסן מוריד הגשם, איך קען שוין נישט איבערזאגן...

חונן הדעת... איך הער איינער רעדט. ווער קען עס זיין? איך מיין אז עס איז א נייע לערערין..

ותשפילם ותכניעם... איך האב זיך דערמאנט א מעכטיגע וויץ, סימי מוז עס הערן, הלוואי זאל די לערן ארויסגיין נאכן דאווענען עפעס ברענגען און איך וועל איר עס דעמאלט דערציילן, ווייל איך שפיר ווי עס פליט מיר ארויס פון קאפ... זי וועט אזוי לאכן...

ובנה אותה בקרוב... איך וויל אריינשיקן צו די בלעטל, די מעשה פון תפילה פון די באס, איך האב צוגעזאגט צו מפרסם זיין די מעשה...

ותחזינה עינינו... איך ווארט שוין אויף שלום'ס חתונה, נאך וויפיל טעג איז עס טאקע? אוי, מיינע הענט איז פארנומען צו האלטן די סידור, איך קען נישט רעכענען אן די פינגער'ס... אוי, וואו בין איך דא פארקראכן, איך האלט דאך אינמיטן דאווענען... אקעי פון יעצט האב איך אינזין!

שים שלום טובה וברכה, באשעפער, איך וויל זיך נישט טענה'ן מיט שרי, איך וויל לעבן בשלום, באשעפער העלף, עס זאל שוין זיין שלום אין ארץ ישראל, עס זאל זיך איינשטילן די מלחמה...

המברך את עמו ישראל בשלום...

יהיו לרצון... והגיון לבי לפניך...

והגיון לבי לפניך? באשעפער וואס האב איך אינזין געהאט? איין שטיקל פון די גאנצע דאווענען, דו זעעסט דאך די מחשבות אזוי ווי ווערטער, א חרפה און א בושה, וואס איך האב אלץ געטראכט אינמיטן דאווענען...

איך בין אזוי ווייט פון אייבערשטן, איך האב זיך היינט אונטערגענומען פארן דאווענען, אינזין צו האבן יעדע ווארט... קוק וואו איך בין פארפארן און גארנישט מכוון געווען! אפשר זאל איך דאווענען אן יהיו לרצון, ווייל דארט בין איך מתפלל, אז דער באשעפער זאל אנעמען מיינע מחשבות?...

אפס... עכט איז עס אזא שיינע תפילה, מען בעט, באשעפער, קוק מיין הארץ, קוק ווי שטארק איך וויל אינזין האבן, און דיר בעטן מיטן גאנצן הארץ, דו זעעסט אפילו וואס איך זאג נישט און וואס איך טראכט נישט, קוק ווי איך וויל זיין גוט! זע אפילו די זאכן וואס איז מיר שווער דיר צו דערציילן, און איך ווייס אפילו נישט אז איך וויל מתפלל זיין דערויף!

קוק אריין טיף אין מיין הארץ!!!

"באשעפער העלף מיר אז פון יעצט אן זאל איך יא קענען אינזין האבן דעם דאווענען און נישט טראכטן אינמיטן שמונה עשרה אלע זאכן וואס איך דארף ערלעדיגן".

פאר די ברסלב'ע שטוב

מ. פאפנהיים

# די ריכטיגע דעה

דער עולם איז זיכער נייגעריג וואס ס'האט זיך אויסגעלאזט מיט יענע גביר'ישע בר מצוה... נאכן בלייבן מיטן צונג אינדרויסן לעצטע מאל קומט זיך אייך א פולער באריכט פונקטליך ווי אזוי ס'איז געווען.

די טייערע בלומען, הונדערטער ליכט, און אלע סארטן עסן, פארשטייט זך אויך די רייכע קאפעליע און מוזיקאנטן.

אבער איך פיל אז עס איז אביסל נאריש אנצופילן גאנצע בלעטער מיט יענעמ'ס משוגעת'ן -און אז אונזער רייכער פעטער האט געדארפט פארגיטיגן זיין זון אויף אלע יארן וואס ער האט נישט געהאט



קיין צייט אים אנצוקוקן - דארף איך יעצט פארברענגען צייט אויף דעם?

בשעת די בר מצוה - ווען איך האב נישט געוואוסט אויף וואס פריער צו קוקן - האט זיך מיין קוזינע אנגערופן צו מיר: "מלכי, קוק אויף די טייערע בלומען, אין דריי שעה ארום גייט עס אין מיסט... ער וואלט געדארפט נעמען די געלט פון דעם און עס געבן פאר משפחות צו קענען מאכן שבת..."
איך האב צוגעשאקלט מיטן קאפ, "זייער ריכטיג", און אויך דערהערט די טיפע וויטאג אין איר שטימע. יא, צווישן די משפחה אליין איז דא גענוג און נאך וואס וואלטן זיך מחי' געווען מיט נאך אפאר דאלער אויף שבת...

אויפן וועג אהיים האבן אונז באמערקט עפעס גייט פאר ביי די שכנים אונטער אונז, אזוי שפעט ביינאכט און אזויפיל מענטשן דרייען זיך אריין און ארויס פון הויז? גאנץ שנעל האבן אונז געהערט די גוטע נייעס, זייער גרויסע טאכטער איז געווארן א כלה!!!



אויפצומארגנ'ס בין איך אריבער געגאנגען אפגעבן מזל טוב צום תנאים, א חשוב'ע משפחה דער טאטע זיצט און לערנט, די מיידל איז אויפגעוואקסן מיט א פשטות און איידלקייט, און באקומען א חתן ווי עס פאסט, זיי האבן געפראוועט א ביליגע תנאים לויט די תקנות פון די חסידות וואו זיי געהערן. א אנדער שכנט'ע האט זיך שטיל אנגערופן ביים טיש: "קוק אויף די ליידיגע טישן, נישטא וואס צונעמען אין מויל... מען טאר עס נישט טון, מענטשן קומען פונדרויסן פון שטאט, הונגעריג און דארשטיג, ממש א רחמנות"...

איך האב איר געוואלט צוריק פרעגן: "און אז די מחותנים פאלן אריין אין חובות, איז דען נישט א רחמנות?" אבער שוין, איך דארף נישט מחנך זיין די גאנצע וועלט...

א וואך שפעטער בין איך אנגעקומען אויף א חתונה פון מיין שוועסטער'ס שוועגערין, א "געהעריגע" חתונה, "נארמאלע" מוזיק, א "גוטע" קעטערינג, נישט סתם געפאטשקעט געלד, און נישט איבעריג געשפארט...

נאכן אפגעבן אלעמען מזל טוב, האב איך געטראפן דארט מיין מומע - וואס איז די מומע פונעם חתן - און פארפירט א שמועס מיט איר פון דאס און יענץ, אינמיטן ווייזט זי מיר אויף די כלה: "קוק איר אן, זי איז אזוי באזעסן, אזוי מיטן קאפ אויף די פלייצעס, מען זעט אז זי איז שוין נישט אזוי יונג, זי פארשטייט שין אויף וואס זי גייט אריין, און וואס עס ווארט איר אפ..."

איך האב באטראכט א מינוט די כלה, וואס פונקט מיינט באזעסן, אז איר שמייכל דערגרייכט נישט צו די אויגן??? עס זעט אויס אז עפעס א צרה האט איר באטראסקעט, זי איז נאך מסתמא נישט הונדערט פראצענט זיכער אז דער חתן איז טאקע דער וועמען 'זי' מיינט...

איך האב זיך דערמאנט אין א שמועס וואס איך האב געהאט נישט לאנג צוריק מיט עפעס א פרוי אין אפיס פונעם אויגן דאקטער -נאכן אריילייגן די טראפנ'ס אין נתי'ס אויגן, און בארוהיגן אז עס ציפט טאקע, אבער עס ווערט שוין בעסער און נאך אביסל וועט ער שוין קענען זען גוט מיטן אייבערשטנ'ס הילף און ווארטן אז דער דאקטער זאל אונז אריינרופן - האב איך געטראפן א פרוי אנטקעגן מיר זיצן מיט איר טאכטערל, זי האט געוואלט הערן צו דער דאקטער איז טאקע אזא מומחה ווי מען רעדט, און ווי אפט איך קום דא באזוכן... נאך פאר וואס ווען, האב איך שוין געוואוסט ווי אזוי זי הייסט און זי האט געמוזט וויסן צו וועלכע חסידות מיר געהערן...

"אה, ברסלב? היכל הקודש? מען מאכט דארט חתונה זייער יונג,

"אמת?" און זי האט ממשיך געווען: "איך האלט אז עס איז זייער א גוטע זאך, וואס דארף מען זיך סתם באדערן, האב שוין חתונה און פערטיג..."

דער דאקטער האט איר אריינגערופן, און איך האב שיעור

**אה, ברסלב? היכל הקודש? מען מאכט דארט חתונה זייער יונג, אמת?" און זי האט ממשיך געווען: "איך האלט אז עס איז זייער א גוטע זאך, וואס דארף מען זיך סתם באדערן, האב שוין חתונה און פערטיג...**

פארגעסן פונעם שמועס, ווען נישט וואס איך הער יעצט פונקט א פארקערטע דעה פון מיין מומע...

איין טאג איך רעד מיט א חבר'טע זאגט זי מיר: "דו מוזט הערן די שיעורים פון רביצין ווייס, דו וועסט הנאה האבן, זי רעדט דארט אנטקעגן טערעפי, זי לייגט אראפ ווי אזוי מען מאכט היינט א פראבלעם פון יעדע קלייניקייט און ווי אזוי מען לאזט נישט די קינדער וואקסן... זי זאגט: "מיר האבן געכאפט פעטש! מיר האבן געהארעוועט! און וועגן דעם זענען אונז אויסגעוואקסן מענטשן!"

נאכדעם טרעף איך א שוועגערן און זי מוז זיך אויסרעדן אביסל וועגן איר רבקה'לע וואס זיך איר אריבער אפאר חדשים מיט די קינד, די לערערין האט געזאגט אז זי האלט נישט גוט מיט רעכענען, ווען עס איז פשוט א רחמנות, די קינד ליידט!!! מיר זענען ארומגעלאפן צו די גרעסטע מומחים, אפשר די אויגן, אדער די אויערן, געטעסט דעם מח, פראבירט צו באפרייען פון טראומע'ס, פרעג נישט... די קינד האט אפגעקאסט טויזנטער דאלער א חודש... ענדליך זענען אונז אנגעקומען צו א גרויסע טערעפיסט, עס דארף הייסן אז ביז א חודש וועלן אונז האבן א נייע קינד, לאמיר האפן...

איך בין שוין אינגאנצן צומישט, וואס איך וועל נאר טון וועלן מענטשן האבן צו זאגן...

א טייערע שמחה? דער עולם וועט מיר אויפעסן לעבעדיגערהייט, פון וואו איז די געלט???

א ביליגע שמחה? יעדע וועט לאכן, קענסט זיך נישט אביסל צושטעלן???

חתונה האבן יונג? וואס יאגסטו זיך? וואס ברענט דיר? עס איז נאך דא געעעעעעעננננןוווגגגגגגגגגג צייט!!!

חתונה האבן שפעט? נעבעך... עס גייט נישט קיין שידוכים!!!

נעמען די קינדער אויף (הילף) העלפ? סתם שטותים, אמאל איז עס נישט געווען...

לאזן קינדער טון וואס זיי ווילן??? א הפקר'דיגע שטוב... א סכנה צו אריינטרעטן דארט...

שכח הייליגער באשעפער, אז דו האסט אונז געגעבן וועג ווייזער'ס, וואס ווייזן אונז די וועג, דער ראש ישיבה זאגט אונז צו גיין צום אייבערשטן יעדן טאג און אים בעטן וואס מיר דארפן. אויך לערנט ער אונז אויס ווי אזוי זיך צו פירן בשעת מען מאכט א שמחה, אז עס לוינט זיך נישט צו אויסגעבן געלט פאר אפאר שעה וואס פליעט אדורך.

אז מיר וועלן האבן אביסעלע שכל צו פאלגן, וועלן מיר האבן א זיסע גליקליכע לעבן.



# COVERAGE FOR ALL YOUR NEEDS.



## Protecting your family and your property is our top priority.

We are proud to offer diverse and affordable products to help you better protect your family and your property. Let us help you today!







## Protection that matters

- Travel Insurance
- Bop Programs
- Casualty
- Commercial Auto Liability & Garage
- Commercial
- Environmental Liability
- Excess/ Umbrella
- Marine & Inland Marine
- Personal Lines
- Professional Liability
- Property
- Workers' Compensation


Salz & Associates LLC

212-725-9467
212-SALZ INS
esalz@salzandassociates.com
salzandassociates.com



בית פיגא ווערק

# קיינער וויל נישט רעדן צו מיר

געשריבן דורך מ. ל.

העלאו, וואס טוט זיך?

ברוך ה', שכח אייבערשטער!

ווי אזוי גרייטסטו זיך צו דיין חתונה?

געלויבט דעם אייבערשטן! שכח אייבערשטער אז איך האלט שוין דא! קענסט עס גלייבן?

זעסטו וואס תפילה פועל'ט...

אקעי, איך קען נישט יעצט רעדן, א גוטע נאכט

איך שטיי דא מיטן טעלעפאן, אנגעפאטשט, איך פראביר אזוי שטארק זיך צו מיטפרייען מיט איר, איר געבן א גוטע געפיל און זיך נישט אפרעדן, אבער די פאר מינוט האט זי נישט פאר מיר? זי האט שוין פארגעסן וואס מיינט צו זיין א מיידל? מיט וועמען זאל איך יעצט רעדן?

איך גיי צוריק צו מיין טעלעפאן, איך הייב אן דורכצוקוקן מיינע קאנטעקט'ס, באשעפער איינציגער איך בין אזוי צובראכן, איך וויל מיט איינעם רעדן, זיך אביסל מחזק זיין. וועמען קען איך רופן?

אה, די חבר'טע האב איך שוין לאנג נישט גערעדט, זי גייט זיכער וועלן שמועסן מיט מיר, לאמיך איר רופן.

העלאו פייגי וואס מאכסטו? איך האב שוין לאנג נישט גערעדט צו דיר.

אה שרי שוין טאקע לאנג נישט געהערט פון דיר, אבער איך דארף יעצט אראפלייגן ווייל איך דארף העלפן אינדערהיים לייגן מיינע געשוויסטער שלאפן, ביי ביי...

העלאו?? וואס זי האט אראפגעלייגט אויף מיר, איך קען עס נישט נעמען, פארוואס טוט מען עס היינט צו מיר? וואס גייט דא פאר מיט מיינע בעסטע חבר'טעס וואס איך האב?

לאמיך זיכן א דריטע חבר'טע מיט וועם צו פארברענגען. אזוי מיש איך ארויף, איך מיש אראפ, אהין און צוריק... און אזוי טראכטנדיג און זוכנדיג בליצט אריין אין מיר א מחשבה....

איין מינוט! אפשר איז דאס פאר מיר א וועיק אפ קאלל? דער אייבערשטער וויל מיר אויפוועקן, מיר דערמאנען. מיין טייער קינד! רעד צו מיר! איך בין אלעמאל דא פאר דיר! איך וועל דיר קיינמאל נישט לאזן אליין!

דו פראבירסט אנצוקומען צו דעם און יענעם, אבער אפשר איז יעצט די צייט זאלסט זיך ווענדן צו מיר.

אזוי לייג איך אוועק דעם טעלעפאן, איך גיי אריין אין מיין צימער און איך זעץ זיך אראפ.

אבער... וואס איז יעצט? באשעפער... מיין מויל איז פארשטאפט, פארמאכט, מיין מח איז אויסגעליידיגט, ווי אזוי הייב איך אן רעדן צו דיר?

איך דערמאן זיך אבער גלייך דאס וואס דער ראש ישיבה זאגט אלץ, האסט נישט וואס צו רעדן צום אייבערשטן? דיין מויל איז פארמאכט? בעט דאס דעם אייבערשטן! בעט: "הייליגער באשעפער, איך וויל רעדן צו דיר, מיין מויל איז פארמאכט. הייליגער באשעפער וואס איז מיט מיר? פארוואס מיט חבר'טעס קען איך שמועסן שעות און ווען עס קומט צו דיר קען איך קוים עפענען מיין מויל צו זאגן איין ווארט?

אזוי פראביר איך צו זאגן, באשעפער העלף מיר, באשעפער העלף מיר, איין מאל און נאכאמאל.

די בלבולים לאזן מיר אבער נישט צורוה, עס הייבט מיר אן צו פייניגן די מחשבות, איך האב שוין אזויפיל מאל געבעטן דעם אייבערשטן, יעדע מאל די זעלבע ווערטער, וויפיל מאל קען מען איבערזאגן די זעלבע זאך, ווען איך זע ווי עס רוקט זיך נישט, עס איז מיר טונקל, וואס גייט שוין אויסמאכן די תפילה?

איך כאפ זיך אבער גלייך אז דאס איז א טריק פון דעם יצר הרע, ער פראבירט מיר מיט אלע וועגן צו מייאש זיין, איך גיי אבער גלייך ניצן מיין געווער, מיין מויל. איך וועל בעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשפער איך וויל האבן א שטארקע אמונה אין דיר, איך וויל קיינמאל נישט אוועקגיין פון דיר, הייליגער באשעפער איך וויל האבן אמונת צדיקים, איך וויל גלייבן אז וואס א צדיק זאגט, דאס איז עס, אן קושיות, אז א צדיק זאגט אז יעדע איינציגסטע תפילה מאכט אויס, איז דאס טאקע אזוי! און אז א צדיק זאגט אז א אידישע לעבן איז אזוי שיין און זיס – איז עס טאקע אזוי

איי, איך זע דאך ווי יענער האט נישט די לעבן, און לכאורה קוקן זיי אויס זייער פרום און חסידי'ש? איך ווייס נישט, איך גלייב אז אויב איך גיי פאלגן א צדיק און לעבן מיט די עצות וועל איך האבן א שיינע גוטע לעבן".

איך דארף אבער אכטונג געבן נישט צו קוקן אויף א צווייטן, און בעטן דעם אייבערשטן פאר מיין לעבן, אן אויפהער.

יא, איך וועל בעטן נאכאמאל און נאכאמאל, יעדע מאל פון פריש, איך וועל נישט אויפגעבן, דאס איז מיין איינציגסטע וועג. איך האב טאקע קיינעם נישט, קיינער פארשטייט מיר באמת נישט, ווייל די צער פון א מיידל קען מען נישט פארשטיין. וועגן דעם וויל איך גיין נאר צום אויבערשטן, נאר צו אים וועל איך זיך אויסרעדן און אויסגיסן מיין הארץ, דער אייבערשטער איז מיין טאטע, און ער וויל אזוי שטארק הערן נאכאמאל ווי איך רעד צו אים, ווי איך זאג איבער נאכאמאל און נאכאמאל די זעלבע ווערטער, און דאס איז אזוי חשוב און טייערביים אייבערשטן.

איך דארף אבער גערענקען נישט צו פארמישן די יוצרות... מיין חבר'טע קען מיר נישט העלפן, פארוואס זאל איך זיך אויסרעדן און אפרעדן פאר איר? איך וועל איר זאגן אז איך וויל שוין חתונה האבן? וואס גייט עס מיר העלפן? מיט מיין חבר'טע וועל איך שמועסן און פארברענגען געשמאק.

פארן אייבערשטן וויל איך אבער דערציילן אלעס וואס גייט אויף מיר אריבער.

יא, דאס גייט מיר באמת העלפן, דאס וועט מיר פרייליך מאכן! ■

צוליב די גרויסע נאכפראגע
טוען מיר פארשטעלן אונזער נייע

# שבת גליונות
# מעגא פעקעדזש

וואס וועט צושטעלן א ריכטיגע עונג שבת פאר די גאנצע משפחה,
קינדער און ערוואקסענע, מענער און פרויען צוגלייך
מיט לייען מאטריאל אנגעפולט מיט אמונה, מידות טובות, עצות און חיזוק

גאראנטירט בעז"ה
אנצוקומען אויף שבת קודש
געשיקט דורך UPS

דער פעקעדזש רעכענט אריין:

**עצתו אמונה**
**קרית ברסלב בלעטל**
**גליון היכל הקודש**
**גליון שיעורי חינוך**

מען קען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען
נאר די בית נצחי אדער עצתו אמונה

רופט שוין זיך איינצושרייבן:
718-387-2691 *3
אימעיל צו:
subscribe@kerenhadfusa.org



# קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

## ברסלב'ס חידות

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט:**
**ווען נישט דעם אינגערמאן (ר' נתן)**
**וואלט נישט געבליבן פון מיר קיין**

א. שפיר
ב. שמות בלעטל
ג. איין ספר
ד. איין גוטע איד

### שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי' האט אמאל געזאגט: שבת דארף מען זיין
**נאר פרייליך!**

### געווינער פון פאריגע וואך

**עטי ראטה תחי' - באראפארק**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

**די ערשטע זאך אינדערפרי זאלסטו זאגן: "מודה אני"; ווען מען עפנט אויף די אויגן אינדערפרי דארף מען גלייך דאנקען דעם אייבערשטן.**

**צווייטנס - נעגל וואסער; זאלסט מקפיד זיין זיך אנצוגרייטן "נעגל וואסער" ביינאכט פאר'ן גיין שלאפן אז דו זאלסט נישט דארפן אראפטרעטן פון בעט קיין איין טריט.**

(עצות אמונה פרשת שמות תשפ"ב)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ה | ט | ע | נ | ז | ע | י | ס | נ | ט | י | י | ו | ו | צ |
| נ | ע | מ | י | ת | מ | ס | ר | נ | ג | א | ז | ר | ג | ט |
| ד | ר | א | י | נ | ד | ע | ר | פ | ר | י | ק | י | י | נ |
| א | ש | א | ז | ו | ו | א | ס | ע | ר | ה | י | נ | י | פ |
| ר | ט | ת | א | נ | פ | ק | ז | כ | ט | ע | ר | כ | נ | ע |
| פ | ע | ת | פ | ח | ג | ט | א | ס | ר | ח | ד | ע | ש | צ |
| נ | מ | ק | פ | י | ד | ק | ל | ו | כ | ז | ק | נ | א | מ |
| א | ח | נ | א | נ | ק | א | נ | י | י | נ | א | ד | י | ג |
| ז | י | ז | ג | מ | ז | א | י | ד | א | פ | נ | ל | א | א |
| ע | א | י | ג | ג | ד | ל | י | ד | ו | נ | א | י | ס | ת |
| כ | ו | ל | נ | ע | ג | ל | א | י | נ | ת | ע | ק | ש | ט |
| א | ה | מ | ס | ס | ג | פ | נ | ב | ב | ס | ק | ג | מ | ט |
| ב | ק | ח | ר | ט | ר | פ | צ | ע | ת | ע | ג | ז | ל | א |
| ז | י | מ | ש | א | ו | ו | ו | ט | ל | ח | ר | ח | ט | נ |
| ז | מ | י | ד | מ | ע | נ | ג | ב | ע | נ | ד | ש | ר | י |
| ה | ו | ט | נ | ק | צ | א | ר | א | פ | ט | ר | ע | ט | נ |
| ב | ד | ס | ר | א | ס | ז | י | כ | ב | נ | ס | מ | מ | נ |
| ט | ה | ד | ד | י | כ | י | י | ש | ל | א | פ | נ | י | מ |
| ש | כ | ה | ה | ב | ט | ט | ט | ר | ו | מ | ר | ה | פ | ק |
| ח | ז | ט | ו | ג | י | ו | נ | ו | ט | ו | ו | ע | נ | ר |

## טרעף די וועג

טרעף די וועג צו אויפשטיין ווי א איד!

ניש פארגעסן צו זאגן מודה אני, שכח אייבערשטער פארן מיך צוריקגעבן מיין נשמה!





## שטיקעלע ספר המדות

# אַהֲבָה

**ז. כְּשֶׁתְּחַזֵּק אֶת הָאָדָם בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא יֹאהַב אוֹתְךָ.**

אַז דוּ וֶועסְט מְחַזֵּק זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר דִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## שיחות פון רבין פארהער

וועלכע שיחה פון מוהרא"ש דערמאנט דיך די בילד?





ענטפער פון פאריגע וואך

מוהרא"ש אגט: "ווער עס שניידט אפ זיין פיאות, שניידט אפ זיין שכל!"

## טרעף
די חילוקים

טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





ניטש פארגעסן צו קישן די מזוזה אויפן טיר!

# עצתו אמונה
## בחינה

### עצתו אמונה פרשת וארא תשפ"ד

#### פון רעכטס צו לינקס

3.די שטערקסטע זאך צו ______ ווערן פון חיבוט הקבר איז לימוד משניות

7.בעט דעם אייבערשטן אז דו און דיינע _____ זאלן קענען ביישטיין די שווערע חבלי משיח

8.בעטס פאר אין זאך, בעטס פאר שמחה, ווייל אז מען איז פרייליך - האט מען _____.

10.זאגן _____ ברענגט נאנט צום אייבערשטן.

12.מען דארף זיך חזר'ן טאג און נאכט: "דער אייבערשטער האט מיך ____!"

13.אז דו האסט נישט קיין ווערטער וואס צו רעדן - זאלסטו זאגן: "_____ ___ _____"

14.נישטא א זאך וואס זאל אזוי אויסרייניגן די נשמה - ווי _____.

#### פון אויבן אראפ

1.די קינדער אין חדר זאלסטו אויסלערנען _____ _____.

2.דורך זאגן די ווערטער פון תורה קומט מען צו _____.

4.לייג אריין אין די קינדער _____ מיט יראת שמים.

5.מיר דארפן _____ צום אייבערשטן היתכן דער רבי איז אזוי פארשעמט!

6.איינע פון די זאכן וואס אן _____ ____ טוט - איז צוזאמנעמען געלט פאר צדקה

9.רעד, שריי, וויין און שמועס, קרעכץ זיך אויס צום _______.

10._____ איז די בעסטע און איינציגסטע עצה פאר ערליכע דורות.

11.אז מען זאגט און מען זאגט מיט _____ - פועל'ט מען.



"מאך זיך א שיעור אין "ספר עצתו אמונה" וועסטו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן אין לעבן" (עצתו אמונה פרשת נצבים תשע"ט)

# קינדער



משה יוסי און יענקי זעלקאוויטש קרית ברסלב



יואליש און עמרם ראטה - קרית ברסלב



ביינוש שארף



אליעזר שלמה שניצלער ני -
קרית ברסלב



פייגי פינטער - קרית ברסלב



יוסי אפעלבוים - שלמה און
נחמן יאקאבאוויטש



אליעזר שלמה און נחמן ישראל
יאקאבאוויטש



בית פיגא קרית ברסלב

# מעשה פון תפילה
# פאר קינדער

מלכה ראבינאוויטש תחי' - בית שמש










ברכה אפפעלדארפער תחי' - קרית ברסלב









# בילדער

## אפטיילונג






די גרעסערע קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש אין קרית יואל אויף אן אויספלוג נאכן לערנען ביידע "וואני"ס" - ה' ויחי




אפשערן פון הילד אלי ב"ר וואלווי שטערן אין ישיבה ב' וארא תשפ"ד







אפשערן פון הילד אליעזר שלמה ב"ר ישראל קרויס אין תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג - ב' וארא תשפ"ד




דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס איבער הפצה מיט המפיץ מו"ה נתן יאקאבאוויטש שליט"א אין ישיבה - ג' וארא




מען גרייט אן פרישע פושקעס פאר די מוסדות - ב' וארא תשפ"ד

קרעדיט: לייבי ראטה



די כולל אינגעלייט מיטן דיין שליט"א אין א שמועס מיטן מוהל מו"ה אהרן ווייס שליט"א

קרעדיט: לייבי ראטה



ברית פון הילד שלמה גבריאל ב"ר שמעון ניישטיין

קרעדיט: שמואל זוסמאן



קרעדיט: שמעון פיש



פדיון הבן פון הערשל בן בנימין וויילדי אין ישיבה ה' וארא תשפ"ד










די קביעות'דיגע חלוקה פון מאכלי שבת דורכ'ן בית התבשיל קרית ברסלב ערב שבת












**מעמד כתיבת האותיות אין ישיבה וויליאמסבורג**










## פרייליכע חתונה אין ישיבה פון החתן שמעון נרו יאיר בן הראש ישיבה שליט"א - עב"ג הרב אברהם משה שטראססער שליט"א - זונטאג בא תשפ"ד







קבלת פנים









חופה



סעודת החתונה




עוד ישמע בערי יהודה ובחצות ירושלים











שמחת חתן וכלה










## שמחת חתן וכלה
















## מצוה טאנץ







